# ניו יארק סטעיט געהיימקייט געזעץ און HIV:
# פאבליק געזונטהייט געזעץ, ארטיקל 27-F

**פאלגט אונז נאך אויף:**
**health.ny.gov**
**facebook.com/NYSDOH**
**twitter.com/HealthNYGov**
**youtube.com/NYSDOH**

9996 (Yiddish)

NEW YORK STATE | Department of Health

18/10

## וואס איז פאבליק געזונטהייט געזעץ, ארטיקל F-27?

ארטיקל F-27 איז א טייל פון ניו יארק סטעיט פאבליק געזונטהייט געזעץ וואס באשיצט די געהיימקייט און פריוואטקייט פון סיי ווער וואס:

- איז גע'טעסט געווארן פאר HIV;
- איז אויסגעשטעלט געווארן צו HIV;
- האט א דיאגנאז פון לעבן מיט HIV אדער HIV/AIDS-פארבינדענע קראנקהייט; אדער
- איז באהאנדלט געווארן פאר HIV/AIDS-פארבינדענע קראנקהייטן.

## פאבליק געזונטהייט געזעץ, ארטיקל F-27:

- פארלאנגט אז מען זאל פארשלאגן פאר יעדע מענטש פון דרייצן יאר און עלטער אן HIV טעסט כאטש איין מאל אלס טייל פון געווענליכע העלט קעיר;
- פארלאנגט אז, מיט געציילטע אויסנאמען, זאל אינפארמאציע איבער א מענטש'ס HIV סטאטוס נאר ווערן אנטפלעקט (מיטגעטיילט מיט אנדערע) אויב דער מענטש שרייבט אונטער א HIV אנטפלעקונג בויגן אדער אויב די בויגן איז אונטערגעשריבן דורך א מענטש'ס לעגאלע באשטימטע גארדיען אדער העלט קעיר פראקסי;
- איז גילטיג פאר מענטשן און פאסיליטיס וואס שטעלן דירעקט צו העלט קעיר סערוויסעס אדער סאושעל סערוויסעס און צו סיי ווער עס באקומט HIV-פארבינדענע אינפארמאציע איבער א מענטש אין איינקלאנג מיט א ריכטיג אויסגעפירטע HIV אנטפלעקונג בויגן;
- פארלאנגט אז יעדע מענטש אדער פאסיליטי וועמענ'ס ארבעט איז געדעקט דורך ארטיקל F-27 און וואס באקומט HIV-פארבינדענע אינפארמאציע **מוז** האלטן די אינפארמאציע אין געהיים, אזוי ווי עס פארלאנגט זיך לויטן געזעץ.

## וואס איז געהיימע HIV-פארבינדענע אינפארמאציע?

דאס איז סיי וועלכע אינפארמאציע וואס ווייזט אז א מענטש:

- האט געהאט אן HIV-פארבינדענע טעסט, אזוי ווי אן HIV אנטיבאדי טעסט, CD4 טעסט, ווייראל לאוד טעסט, פאלימערעיז קייט רעקאציע (polymerase chain reaction, PCR) טעסט, אדער אנדערע טעסט;
- האט א דיאגנאז פון לעבן מיט HIV אדער HIV-פארבינדענע קראנקהייט, אדער AIDS;
- איז געווארן אויסגעשטעלט צו HIV;
- האט איינע פון די צושטאנדן, אריינגערעכנט אינפארמאציע איבער די מענטש'ס געשלעכטליכע קאנטאקטס אדער נאדל-מיטיילונג קאנטאקטס; אדער
- איז א פארטנער פון א געשלעכט/סובסטאנץ באנוץ קאנטאקט פון א מענטש וואס איז דיאגנאזירט אלס איינער וואס לעבט מיט HIV.

## אונטער וועלכע אומשטענדן ווערט אן HIV טעסט צוגעשטעלט פאר איינעם?

HIV טעסטינג מוז ווערן צוגעשטעלט כאטש איין מאל צו אלע פאציענטן 13 יאר און עלטער אלס טייל פון געווענליכע העלט קעיר סערוויסעס צוגעשטעלט אין די פאלגנדע העלט קעיר ערטער:

- פריימערי קעיר סערוויסעס אין דיאגנאסטישע און באהאנדלונג צענטערס (אריינגערעכנט שולע-באזירטע קליניקס און פאמיליע פלאנירונג ערטער)
- פריימערי קעיר סערוויסעס אין אוט-פעישאנט אפטיילונגען פון שפיטעלער
- אין-פעישאנט אפטיילונגען פון שפיטעלער
- עמערדזשענסי אפטיילונגען

HIV טעסטינג מוז ווערן צוגעשטעלט דורך דאקטוירים, דאקטוירים געהילפן, נורס פראקטישינערס אדער הייבאמס וואס שטעלן צו פריימערי קעיר, אדער זייערע פארשטייער, אפגעזען פונעם פלאץ.
פריימערי קעיר מיינט מעדיקעל פעלדער פון:

- פאמיליע מעדיצין
- אלגעמיינע קינדער דאקטוירים
- פריימערי קעיר
- אינטערנעל מעדיצין
- פריימערי קעיר אבסטעטריקס/גיינעקאלאדזשי

עס זענען דא דריי אויסנאמען צו דעם פארלאנג פון צושטעלן HIV טעסטינג:

- אויב דער מענטש ווערט באהאנדלט פאר א לעבנס-דראענדע עמערדזשענסי;
- אויב דער מענטש איז פריער פארגעשלאגן געווארן אדער איז פריער גע'טעסט געווארן פאר HIV (סיידן עס ווערט אנדערש פארלאנגט צוליב מער לעצטיגע ריזיקע אויפפירונג);
- אויב דער מענטש איז באשטימט דורך די אטענדינג פראוויידער נישט צו האבן גענוג גייסטישע מעגליכקייטן צו צושטימען.



## הילפסמיטלען:

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט**
**HIV (New York State Department of Health)**
**געהיימקייט האטליין**
**800-962-5065**
מאנטאג - פרייטאג, 8:30 אינדערפרי ביז 4:30 נאכמיטאג

**איר קענט שיקן א קלאגע באריכט צו:**
**Special Investigation Unit AIDS Institute**
New York State Department of Health
Empire State Plaza, Corning Tower #308
Albany, NY 12237
**518-473-2300**

**צו באריכטן א מענטשליכע רעכטן פארלעצונג סיי וואו אין ניו יארק סטעיט:**
ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון מענטשליכע רעכטן, אפיס פון AIDS
(New York State Division of Human Rights, Office of AIDS)
דיסקרימינאציע פראבלעמען
**888-392-3644**

צו באקומען די בויגן פאר באשולדיגטע פארלעצונג פון ארטיקל 27-F, ביטע זעט DOH בויגן 2865, דא:
https://www.health.ny.gov/forms/doh-2865.pdf

**פאר נאך אינפארמאציע בנוגע פעדעראלע פריוואטקייט באשיצונג:**
U.S. דעפארטמענט אוו העלט און מענטשליכע סערוויסעס, אפיס פאר ציווילע רעכטן
(U.S. Department of Health and Human Services, Office for Civil Rights)
**800-368-1019**

**פאר אינפארמאציע און הילף מיט פארטנער מעלדונג:**
Partner Services
**800-541-2437**

**קאנטאקט מעלדונג הילף פראגראם**
**(Contact Notification Assistance Program, CNAP):**
בלויז ניו יארק סיטי
**212-693-1419 אדער רופט 311**

**פאר אלגעמיינע אינפארמאציע אדער מעגליכע לעגאלע הילף:**
Legal Action Center
**212-243-1313**

צו באקומען אינפארמירטע צושטימע בויגנס און אנטפלעקונג בויגנס און צו אויסגעפינען מער וועגן HIV/AIDS-פארבינדענע פראגראמען, פאליסיס, און געזעצן, באזוכט די NYSDOH וועבסייט אויף:
**www.health.ny.gov/diseases/aids/index.htm**

## ווערט צושטימונג פארלאנגט פאר אן HIV טעסט?

ניו יארק סטעיט געזעץ פארלאנגט אז א מענטש זאל אינפארמירט ווערן איידער אן HIV טעסט ווערט אדורכגעפירט, אריינגערעכנט ווערן געמאלדן אז זיי האבן די רעכט צו אפזאגן אן HIV טעסט. גילטיג נאוועמבער 28, 2016, האבן אפדעיטס צו די פאבליק געזונטהייט געזעץ אפגענומען די פאדערונג פון באקומען צושטימונג פאר אן HIV טעסט שריפטליך אדער מינדליך, אריינגערעכנט אוועקנעמען שריפטליכע צושטימונג פאר HIV טעסטינג אין ניו יארק סטעיט קארעקשאנעל פאסיליטיס, און אוועקנעמען דערמאנונגען צו צושטימע בויגנס. דער ציל פונעם אפדעיט צו די פאבליק געזונטהייט געזעץ איז צו אוועקנעמען שטערונגען פון HIV טעסטינג און מאכן HIV טעסטינג ענליך צום אופן ווי אזוי אנדערע וויכטיגע לאבאראטאריע טעסטס ווערן געמאכט. HIV טעסטינג פארבלייבט פרייוויליג און פאציענטן האבן א רעכט זיך צו אנטזאגן פון אן HIV טעסט, אבער באקומען שריפטליכע אדער מינדליכע צושטימע פאר טעסטינג איז מער נישט פארלאנגט איבעראל. פאציענטן מוזן ווערן געמאלדן מינדליך אז אן HIV טעסט גייט געמאכט ווערן. אויב דער פאציענט שטעלט זיך קעגן די HIV טעסט, זאל דאס ווערן געצייכנט אין די פאציענט׳ס מעדיקעל רעקארד.

## קענען מינדער-יעריגע צושטימען צו זייער אייגענע HIV טעסט, HIV באהאנדלונג און HIV פארמיידונג סערוויסעס?

יא. מינדער-יעריגע האבן די פעאיגקייט צו צושטימען צו אן HIV טעסט אן דעם וואס די עלטערן זאלן זיין פארמישט. זיי זאלן ווערן צוגעשטעלט די פארלאנגטע אינפארמאציע איבער HIV און ווערן געזאגט אז זיי האבן א רעכט צו אפזאגן אן HIV טעסט. אפדעיטס צו פאבליק געזונטהייט רעגולאציעס אין 2016 ערלויבן יעצט אויך מינדער-יעריגע צו צושטימען צו HIV באהאנדלונג און HIV פארמיידונגס סערוויסעס, אריינגערעכנט איידער-עקספאוזשער פראפילעקסיס (pre-exposure prophylaxis, PrEP) און נאך-עקספאוזשער פראפילעקסיס (post-exposure prophylaxis, PEP).



### אביישפיל פון א ווידער-אנטפלעקונג דערקלערונג איז ווי פאלגנד:

”די אינפארמאציע איז אנטפלעקט געווארן צו אייך פון געהיימע רעקארדס וואס זענען באשיצט דורך סטעיט געזעץ. די סטעיט געזעץ פארבאט אייך פון מאכן סיי וועלכע ווייטערדיגע אנטפלעקונג פון די אינפארמאציע אן די אויסדרוקליכע שריפטליכע צושטימונג פון דעם מענטש צו וועמען עס באציט זיך, אדער ווי עס ווערט אנדערש ערלויבט לויטן געזעץ. סיי וועלכע אום-באפולמעכטיגטע ווייטערדיגע אנטפלעקונג אין פארלעצונג פון סטעיט געזעץ קען פאראורזאכן א געלט שטראף אדער טורמע אורטייל אדערביידע. אן אלגעמיינע צושטימונג פארן אנטפלעקונג פון מעדיצינישע אדער אנדערע אינפארמאציע איז **נישט** גענוג פאר ווייטערדיגע אנטפלעקונגען.“
-פאבליק געזונטהייט געזעץ § 2782 (5)(a)

## וועלכע אינפארמאציע מוז מען געבן פאר א מענטש איידער מען מאכט אן HIV טעסט?

איידער אויספירן א דיאגנאסטישע HIV טעסט, מוז אינפארמאציע וועגן HIV ווערן איבערגעגעבן מינדליך, שריפטליך, דורך שילדן אדער אין סיי וועלכע אנדערע פאציענט-פריינטליכע אודיא-ווידזשועל פארמאט. שטעלן די NYS DOH HIV טעסטינג קליניק שילד אויף א מערקבארע פלאץ אדער צושטעלן פאר פאציענטן די NYS DOH פאציענט ביכל איבער HIV טעסטינג זענען איינפאכע וועגן פון איבערגעבן די אינפארמאציע פאר פאציענטן. דער טעסטינג שילד און ביכל קען מען באקומען אין זיבן אנדערע שפראכן און ביידע קען מען טרעפן דא:
https://www.health.ny.gov/diseases/aids/consumers/testing/index.htm

## ווען דארף מען האבן אן אונטערגעשריבענע אנטפלעקונג בויגן כדי צו קענען מיטיילן אינפארמאציע?

אין אלגעמיין, קען HIV-פארבינדענע אינפארמאציע נאר ווערן אנטפלעקט אויב דער מענטש שרייבט אונטער א באשטעטיגטע HIV אנטפלעקונג בויגן. צום ביישפיל, א מעדיקעל פראוויידער טאר נישט מיטיילן קיין געהיימע HIV אינפארמאציע פון א מענטש'ס מעדיקעל רעקארד מיט א קעיס מענעדזשער אדער אנדערע שטאב מענטש פון א קאמיוניטי באזירטע ארגאניזאציע אן קיין אונטערגעשריבענע אנטפלעקונג בויגן. צו אנטפלעקן HIV-פארבינדענע אינפארמאציע פון א מעדיקעל רעקארד צו א נישט-מעדיקעל פראוויידער פאר סיי וועלכע צוועק, אריינגערעכנט פארבינדן מיט באהאנדלונג, דארף מען האבן א ספעציפישע אונטערגעשריבענע אנטפלעקונג בויגן. די DOH בויגן 2557 **באפולמעכטיגונג פאר אנטפלעקונג פון מעדיקעל אינפארמאציע און געהיימע HIV פארבינדענע אינפארמאציע**, ווערט גענוצט פאר דעם צוועק. דער בויגן ערלויבט דאס אנטפלעקונג פון סיי HIV-פארבינדענע אינפארמאציע און סיי נישט HIV-פארבינדענע אינפארמאציע. DOH בויגן 5032 מיטן טיטל **באפולמעכטיגונג צו אנטפלעקן געזונטהייט אינפארמאציע (אריינגערעכנט אלקאהאל/דראג באהאנדלונג און גייסטישע געזונטהייט אינפארמאציע)** און געהיימע **HIV/AIDS פארבינדענע אינפארמאציע** איז אוועילעבל צו נוצן ווען אינפארמאציע וואס וועט ווערן אנטפלעקט שליסט איין אינפארמאציע וועגן אלקאהאל אדער סובסטאנץ באנוץ וואס פארמאגט נאך באשיצונג אונטער פעדעראלע רעגולאציע 42-CFR טייל 2.



## ביים אנטפלעקן HIV-ספעציפישע אינפארמאציע צו אן אנדערע צד, דארף מען אריינשטעלן א דערקלערונג אז די אינפארמאציע מעג נישט ווערן ווידער-אנטפלעקט אן די באשיצטע מענטש'ס צושטימונג?

אין אלגעמיין זאל א דערקלערונג אז די אינפארמאציע מעג נישט ווערן ווידער אנטפלעקט מיטגיין מיט אלע פעלער אין וואס HIV-פארבינדענע אינפארמאציע ווערט מיטגעטיילט. פונדעסטוועגן, עס זענען דא עטליכע אויסנאמען.

**א ווידער-אנטפלעקונג דערקלערונג ווערט <u>נישט</u> געפאדערט אין די פאלגנדע אומשטענדן:**

- א העלט קעיר פראוויידער אדער העלט קעיר פאסיליטי טיילט מיט די אינפארמאציע ווען וויסנשאפט איבער די HIV-פארבינדענע אינפארמאציע איז נויטיג כדי צוצושטעלן פאסיגע קעיר;
- אינפארמאציע ווערט מיטגעטיילט מיט דריטע פארטיי צוריקצאלער אדער זייערע אגענטן ווי ווייט עס איז נויטיג כדי צו צוריקצאלן העלט פראוויידערס פאר העלט סערוויסעס; אויב, וואו עס פעלט אויס, איז אן אנדערע פאסיגע באפולמעכטיגונג פאר די אנטפלעקונג ערהאלטן געווארן דורכן פראוויידער;
- אין פעלער פון ריכטיגע צושטימונג, וואס מיינט אז מען נוצט די ריכטיגע בויגן. די ריכטיגע בויגן ענטהאלט: ספעציפישע באפולמעכטיגטע אנטפלעקונג פון HIV, נאמען פון באשיצטע מענטש, נאמען פון באקומער, סיבה/צוועק, דאטום, צייט אפשניט פון צושטימונג, אונטערגעשריבן;
- ווען קליענטן אליין אנטפלעקן HIV-פארבינדענע אינפארמאציע;
- אינערליכע קאמוניקאציע;
- ווען אינפארמאציע ווערט אנטפלעקט צו עלטערן/לעגאלע גארדיענס;
- פארן צוועק פון קאנטאקט מעלדונג;
- צוליב א געריכט באפעל;
- א באפולמעכטיגטע אגענטור אין צוזאמענהאנג מיט פאסטער קעיר/אדאפשען;
- קרימינאלע געריכטע אגענטור כדי צו קענען אויספירן דער דעפארטמענט פונקציעס פאר די באשיצטע מענטש;
- ווען אנטפלעקט צו פאבליק העלט באאמטע;
- ביים מאכן סערוויס דעליווערי איבערזיכט/באאבאכטונג;
- ווען מיטגעטיילט פארן צוועק פון איבערפלאנצן גלידער.

## אין וועלכע פעלער קען HIV-פארבינדענע אינפארמאציע ווערן אנטפלעקט אן קיין באשטעטיגטע HIV אנטפלעקונג בויגן?

### פאר מעדיצינישע באהאנדלונג:

- מעדיקעל פראפעסיאנאלן וואס ארבעטן אויפן באהאנדלונג שטאב מיטן מענטש׳ס עקזיסטירנדע פראווידער קענען איבערשמועסן א פאציענט׳ס HIV-פארבינדענע אינפארמאציע איינער מיטן צווייטן אדער מיט זייער אויפזעער, אבער נאר כדי צו געבן נויטיגע קעיר;
- מיט אן אלגעמיינע אנטפלעקונג, קען א שפיטאל אדער העלט קעיר פראווײדער מיטטיילן HIV-פארבינדענע אינפארמאציע מיט א פאציענט׳ס אינשורענס פירמע אויב די אינפארמאציע איז נויטיג צו באצאלן פאר מעדיקעל קעיר;
- מעדיקעל שטאב און געוויסע אנדערע איבערזיכט שטאב קענען האבן צוטריט צו HIV-פארבינדענע אינפארמאציע כדי צוצושטעלן אדער באאבאכטן סערוויסעס אויב דער מענטש איז אין טורמע אדער איז אויף פאראל.

### צו באאבאכטן העלט קעיר און קראנקהייט פארמיידונג:

- העלט קעיר פאסיליטי שטאב און קאמיטיס, איבערזיכט ארגאניזאציעס, אדער רעגירונג אגענטורן וואס זענען באפולמעכטיגט צו האבן צוטריט צו מעדיקעל רעקארדס קענען באקומען HIV-פארבינדענע אינפארמאציע ווען עס איז נויטיג צו איבערקוקן, באאבאכטן, אדער אויספירן א העלט סערוויס אדער סאושעל סערוויס;
- באוואוסטע פארטנערס פון מענטשן וואס זענען פריש דיאגנאזירט מיט HIV מוזן געמאלדן ווערן דורך א דאקטער אדער פאבליק געזונטהייט באאמטער אז זיי זענען געווען אויסגעשטעלט צו HIV. אינפארמאציע לגבי פון וואו די אינפעקציע קומט וועט נישט אנטפלעקט ווערן;
- פאבליק געזונטהייט באאמטער קענען האבן צוטריט צו די אינפארמאציע ווען עס פארלאנגט זיך לויטן געזעץ, אזוויי HIV/AIDS קעיס באריכטונג צו באאבאכטן קראנקהייט טענדענצן און פלאנירן פארמיידונג פראגראמען;
- אויספארשער וואס פירן דורך פארש-ארבעט ביי אן אקאדעמישע מעדיקעל סענטער מיט די באשטעטיגונג פונעם מעדיקעל סענטער׳ס אינסטיטוציאנאלע איבערזיכט באורד, דער באורד וואס איז פאראנטווארטליך צו באשיצן מענטשליכע סוביעקטן.



### צו מוטיגן פארבינדונג און אנהאלט פון HIV קעיר:

אויב א מענטש זעט אויס צו זיין ארויס פון באהאנדלונג, קען אינפארמאציע ווערן מיטגעטיילט צווישן די דעפארטמענט אוו העלט (Department of Health, DOH) און א העלט קעיר פראווײדער אדער קעיר קאארדינעיטער מיט א דאקומענטירטע באהאנדלונג פארבינדונג מיטן מענטש. אויב א מענטש מיט HIV זעט אויס צו זיין ארויס פון באהאנדלונג, קען ער אדער זי ווערן קאנטאקטירט דורכן מעדיקעל פראווײדער, קעיר קאארדינעיטער אדער העלט דעפארטמענט שטאב צו אדרעסירן שוועריקייטן פון אריינגיין אין באהאנדלונג און צו מוטיגן מיטארבעט אין באהאנדלונג.

### אנדערע אומשטענדן פאר אנטפלעקן HIV-פארבינדענע אינפארמאציע אן קיין HIV-ספעציפישע אנטפלעקונג בויגן רעכענען אריין:

- באפולמעכטיגטע אגענטורן וואס ארבעטן מיט מעגליכע אדאפטיוו אדער פאסטער עלטערן קענען האבן צוטריט צו די אינפארמאציע;
- א ריכטער קען ארויסגעבן א ספעציעלע געריכט באפעל וואס פארלאנגט דאס אנטפלעקונג פון HIV-פארבינדענע אינפארמאציע. די אינפארמאציע קען נישט ווערן אנטפלעקט צוליב א באפעל ארויסגעגעבן דורך אן אדוואקאט;
- ארטיקל F-27 דעקט נישט HIV טעסטינג ווען עס ווערט פארלאנגט נאר פאר אינשורענס צוועקן. דאס ווערט געדעקט דורך אינשורענס געזעץ אפטיילונג 2611. ווען אן HIV טעסט ווערט געגעבן פאר אינשורענס צוועקן, רעכנט עס געווענליך אריין א קורצע שריפטליכע צושטימע און א רעפערעל צו א קאונסעלאר פאר ווייטערדיגע פראגעס;
- אנטפלעקונג קען פארקומען אן די צושטימע אין געוויסע פעלער פון ביי-די-ארבעט עקספאוזשער צו HIV ווען אלע באדינגונגען פאר עקספאוזשער ווערן נאכגעקומען;